**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/24/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול און אטורני דזשענעראל דזשעימס אנאנסירן 2 מיליאן דאלארדיגע שטראף קעגן פירמע וועלכע האט אומגעזעצליך אפערירט אויל קוועלער

***דזשעימס לי באפוילן צו פארשטאפן הונדערטע אויל קוועלער וועלכע האבן געלייגט אין סכנה די טרונקען וואסער אין סטױבען און קעטערעגוס קאונטיס***

***באשלוס רעכנט אריין גרעסטע פינאנציעלע קנס צו ווערן געגעבן פאר קוועלער פארשטאפונג פארלעצונגען אין היסטאריע***

גאווערנער קעטי האקול און ניו יארקע אטורני דזשענעראל לאטישע דזשעימס האבן היינט אנאנסירט א 2 מיליאן דאלארדיגע אורטייל אין געריכט קעגן דזשעימס ר. לי און זיינע ביזנעס פארבינדענע פאר אפענע פארלעצונגען פון די סטעיט'ס אויל און גאז קוואל רעגולאציעס און לייגנדיג אין סכנה קאמיוניטיס אין סטױבען און קעטערעגוס קאונטיס. לי און זיינע פירמעס זענען באפוילן געווארן דורך א סטעיט סופרים געריכט ריכטער צו באצאלן די קנס – די גרעסטע פינאנציעלע קנס צו ווערן געגעבן אין אן אויל און גאז קוואל פאל – און צו מאכן זיינע אויל קוועלער זיין פולשטענדיג אין איינקלאנג מיט סטעיט געזעצן. פאר יארן לאנג האבן לי און זיינע פירמעס נישט פארשטאפט די קוועלער וואס זיי האבן אויפגעהאלטן ווי עס דארף צו זיין, שטעלנדיג א באדייטנדע סכנה צו די טרונקען וואסער זאפאסן און ארויסלאזנדיג מעטעין גאז אין די געגנטער ארום די קוועלער.

"מיין אדמיניסטראציע איז גאר שטארק קאנצעטרירט אויפן אונטערנעמען אנטשיידענע שריט כדי צו באשיצן טרונקען וואסער אין קאמיוניטיס ארום די סטעיט, און די רעקארד-ברעכנדע קנס וואס איז היינט אנאנסירט געווארן איז א געוואלדיגע געווינס פאר ניו יארק", **האט גאווערנער האקול געזאגט**. "מיר בלייבן פעלזן פעסט מיט אונזערע באמיאונגען צו האלטן פאראנטווארטליך סיי ווער וואס לייגט אין סכנה די געזונטהייט און זיכערהייט פון ניו יארקער. איך באדאנק אטורני דזשענעראל לאטישע דזשעימס פאר איר פירערשאפט אינעם אונטערנעמען שריט צו באשיצן די פובליק געזונטהייט און ענווייראמענט אין סטױבען און קעטערעגוס קאונטיס."

**אטורני דזשענעראל לאטישע דזשעימס האט געזאגט,** "דאס איז א קריטישע געווינס פאר אונזערע באמיאוגען צו באשיצן ניו יארק'ס לופט און וואסער. די אויל קוועלער וועלכע זענען אויפגעהאלטן געווארן אויף אן אומגעזעצליכן אופן האט געלייגט אין סכנה טרונקען וואסער פאר צאללאזע פאמיליעס אין די דרום טייל פון די סטעיט און אין מערב ניו יארק, און עס האט געברענגט באדייטנדע שאדן צו די ענווייראמענט. די פאל דארף דאס מאכן קלאר אז ניו יארק וועט זיך אויפשטעלן קעגן סיי ווער וואס לייגן אין סכנה די געזונטהייט פון אונזערע קאמיוניטס אדער אונזערע נאטורליכע קוועלער. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול, קאמישאנער סעגאָס און אונזערע שותפים אין די DEC פאר זייער מיטארבעט צו אפשטעלן די פארפעסטיגער און באשיצן די מענטשן."

**דעפּאַרטמענט פון ענווייראַמענטאַלע אַפּהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC) קאָמישאַנער בעזיל סעגאָס האָט געזאָגט,** "די אורטייל איז אַ באַדייטנדע דין וחשבון פאַר לי און זיינע פירמעס נאָך יאָרן פון אָפּענערהייט איגנאָרירן ניו יאָרק סטעיט'ס שטרענגע פאָדערונגען ביי הונדערטע אויל קוועלער אין סטיובען און קעטערעגוס קאָונטיס. איך באַדאַנק אַטוירני דזשענעראַל דזשעימס און איר מאַנשאַפט און מיינע שטאַב מיטגלידער פאַר זייער מידלאַזע אַרבעט צו ברענגען דעם פילמאַליגער פאַרלעצער צו גערעכטיגקייט. די פאַל וואָס שטעלט אַ פּרעצעדענט פאַר קומענדיגע פעלער ווייזט אַז ניו יאָרק סטעיט וועט נישט איבערלאָזן קיין איין שטיין נישט איבערגעדרייט ביים אַגרעסיווערהייט נאָכיאָגן פאַרפעסטיגער און זיי האַלטן פאַראַנטוואָרטליך פאַר די שאָדן וואָס זיי מאַכן אָן צו אונזער ענווייראַמענט און קאַמיוניטיס."

פאַר פילע יאָרן האָבן לי און זיינע הויפּט ביזנעס פאַרבינדענע – .Lee Oil Company, Inc, Whitesville Producing Corporation, Whitesville Production Corp., Allegro Oil & Gas Inc. און Allegro Investments Corporation – געהאַט אָדער אויפגעהאַלטן הונדערטע אויל קוועלער אין סטיובען און קעטערעגוס קאָונטיס. די אומגעזעצליכע אָפּעראַציעס זענען געציהלט געוואָרן דורך מערערע אינפאָרסירונג שריט וועלכע זענען אונטערגענומען געוואָרן דורך די אָפיס פון די אַטוירני דזשענעראַל (Office of the Attorney General, OAG) און DEC. נאָכן נישט אויספאָלגן ענווייראַמענטאַלע געזעצן און נישט פאַרשטאָפּן ווי עס דאַרף צו זיין מער פון 400 פון די קוועלער, האָבן די OAG און DEC אַנגעקלאָגט לי און זיינע פירמעס זיי צו צווינגען צו אויספאָלגן, אַריינרעכענענדיג צו פאַרשטאָפּן זייערע קוועלער ווי עס דאַרף צו זיין און אַזוי אויך באַצאָלן קנסות פאַר זייער לאַנגיאָריגע אָפענע פאַרלעצונגען.

די געריכט האָט אַרויסגעגעבן אַן אורטייל געבנדיג גערעכט פאַר די OAG און DEC אין זייער קלאַגע קעגן לי, און די אורטייל האָט באַשטימט אַז:

1. אַנגעקלאָגטע האָבן נישט פאַרשטאָפּט איבער 400 אויל קוועלער;
2. אַנגעקלאָגטע האָבן נישט אַריינגעגעבן 10 יאָר פון געפאָדערטע יערליכע באַריכטן פאַר די קוועלער;
3. אַנגעקלאָגטע האָבן נישט אַריינגעגעבן געפאָדערטע DEC אָרגאַניזאַציע באַריכטן פאַר די קוואַל אָפּערירער;
4. אַנגעקלאָגטע האָבן נישט צוגעשטעלט גענוג פינאַנציעלע זיכערהייט געווידמעט צו פאַרזיכערן די פאַרשטאָפּונג פון די קוועלער;
5. דזשעימס לי איז פערזענליך פאַראַנטוואָרטליך צו צאָלן די קנס און צו מאַכן אַז די קוועלער זאָלן אויספאָלגן די געזעץ, און ער קען זיך נישט באַהאַלטן הינטער זיינע פאַרמאַכטע ביזנעס פאַרבינדענע; און
6. פאַראַנטוואָרטליכקייט צו פאַרשטאָפּן די קוועלער קען אַריבערגיין צו קומענדיגע אייגנטימער פון די באַטרעפנדע מינעראַל קוועלער.

די 2 מיליאָן דאָלאַרדיגע שטראָף איז געגעבן געוואָרן פאַר לי און זיינע ביזנעס פאַרבינדענע, באַזירט אין טייל אויף די פאַקט אַז די סטעיט האָט אויפגעוויזן אַז לי האָט בענעפיטירט פינאַנציעל מיט צום ווייניגסטנס 1 מיליאָן דאָלאַר פונעם נישט נאָכקומען די סטעיט'ס ענווייראַמענטאַלע געזעצן און פון זיך אַרויסדרייען פון אורטיילן קעגן אים. די געריכט האָט אין זייער אורטייל געפונען מר. לי און זיינע פירמעס שולדיג פון האָבן פאַרלעצט פאַר יאָרן לאַנג און האָבן איגנאָרירט די סטעיט'ס כסדר'דיגע פּרואוון צו ברענגען מר. לי און זיינע פירמעס צו אויספאָלגן.

נישט פאַרשטאָפּטע אויל און גאַז קוועלער שטעלן ערנסטע סכנות צו טרונקען וואַסער זאַפּאַסן און צו די אַלגעמיינע ענווייראַמענט. עטליכע פון לי'ס קוועלער האָבן שוין אַריינגעלאָזט אויל אין אַרומיגע וואַסערן

און שטעלן אנגייעענדע סכנות צו די פובליק געזונטהייט. אין צוגאב, קענען די קוועלער ארויסלאזן מעטעין גאז, א שטארקע שעדליכע גאז וואס האט א שטארקע ווירקונג אויף קלימאט טויש.

די געריכט האט געזאגט אז איר באשלוס ברענגט א שטארקע מעסעדזש צו אנטמוטיגן אנדערע קוואל אפערירער פון נעמען אין באטראכט צו פארנאכלעסיגן זייערע אייגענע פליכטן ביי אויל און גאז קוועלער ארום ניו יארק סטעיט און לאזן פאר די טעקס באצאלער צו באצאלן פאר די פארשטאפונג. די באשלוס שטעלט אויך אוועק א וויכטיגע פרעצעדענט אין ריעל עסטעיט פראפערטי וואס ווער קענען גענוצט ווערן צו פאדערן פראפערטי אייגנטימער מיט נישט פארשטאפטע קוועלער צו פולשטענדיג נאכקומען די סטעיט'ס קוואל פארשטאפונג פאדערונגען.

די DEC וועט פארזעצן מיט שטרענגע אויפזיכט אויף לי'ס קוועלער און ארבעטן צו זיכער מאכן אז די געריכט'ס באפעל ווערט אויסגעפאלגט דורכן מאכן אלע קוועלער געזעצליך. מר. לי האט געטענה'ט אז ער איז נישט אומשטאנד צו באצאלן פאר די פארשטאפונג, אבער די DEC וועט זוכן צו קאנפיסקירן פארמעגנס וועלכע קענען מעגליך גענוצט ווערן צו נאכקומען די פליכטן וואס די געריכט האט פאראורטיילט.

די אנגעלעגנהייט איז ערלעדיגט געווארן דורך אסיסטענט אטוירני דזשענעראל מערעדיט לי-קלארק און ברייען לוּסיגנאן, אונטער אויפזיכט דורך סיניאר קאונסעל פאר אינפארסירונג ענדרו גערשאן און ביורא טשיעף לעם סראלאוויק פון די OAG'ס ענווייראנמענטאלע באשיצונג ביורא ( Environmental Protection Bureau). ביי די DEC איז די אנגעלעגנהייט ערלעדיגט געווארן דורך די אפיס פון דזשענעראל קאונסעל אטוירני דעיוויד קין, מיט שטיצע פון די דיוויזיע פאר מינעראל קוועלער טייל טשיעף טעד לוּקיידס, אונטער אויפזיכט פון ליסא ווילקינסאן און סקאט קריסעפוּלי, מיט די DEC'ס דעפיוטי קאמישאנער און דזשענעראל קאונסעל טאמאס ס. בערקמאן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418